ס: גוט־מאָרגן, טײַערע צוהערערס, ברוכות הבאות צו ווײַבערטײַטש, וואָס איז, לויט מײַן זכּרון און וויסן, די ערשטע און איינציקע ייִדיש־רעדנדיקע פֿעמיניסטישע ראַדיאָ־פּראָגראַם (אָדער „פּאָדקאַסט“) אויף דער וועלט – אַ דאַנק פֿאַרן הערן. איך הייס סאָסיע פֿאָקס, און איך בין הײַנט אַ ביסל קראַנק, אַנטשולדיקט פֿאַר מײַן קול. הײַנט אויף דער פּראָגראַם רעד איך מיט אַ חסידישער חבֿרטע מײַנער, זי הייסט ציליע שטאָק – מיר וועלן רעדן וועגן ייִדישקייט, פֿרומקייט, פֿרויענקייט, און דעם פֿעמיניזם. איך ווייס אַז איר וועט אַלע הנאה האָבן פֿונעם שמועס.

אָבער צו ערשט האָב איך אַ ביסל צו זאָגן וועגן וואָס איז געשען זינט דער ערשטער עפּיזאָד איז ארויסגעגעבן געוואָרן. חבֿרטעס און חברים, מוז איך אײַך אַלע דאַנקען פֿאַרן הערן און צעטיילן אויף „סאָשעל־מידיאַ“ און לאָזן דײַנע חברים וויסן וועגן ווײַבערטײַטש. די סטאַטיסטיק זײַנען שווער צו וויסן פּינקטלעך, אָבער אויף וויפֿל איך ווייס, איז דער ערשטער עפּיסאָד „אָפּגעלאָדעד“ געוואָרן, „דאָנלאָדעד“, אָדער „סטרימד“ מער ווי זעקס הונדערט מאָל–מער ווי זעקס הונדערט מאָל! איך בין שאָקירט [לאַכט]–איך בין בלויז שאָקירט. אַאַאַם, און איך בין זײַער צופֿרידן. איז ... יאַ, אַ דאַנק אַלע און אַ דאַנק ספּעציאַל צו דזשאָרדן קוציק, וואָס האָט געשריבן אַן אַרטיקל אין דעם פֿאָרווערטרס, און בען סיילס, וואָס האָט געשריבן עפּעס פֿאַר „JTA“ וועגן „ווײַבערטײַטש,“ זיכער וועלן ביידע אַרטיקלען העלפֿן אַ סך מיטן געפֿינען נאָך צוהערערס. איז, אָאָאָם, אַ שיינעם שיינעם דאַנק- יעיי! אַחוץ דעם, וויל איך אַנאָנסירן אַ פּאָר זאַכן: איך האָב געהערט פֿון אַ סך אָנהייבערס וואָס האָבן ליב געהאַט דעם ערשטן עפּיזאָד, אָבער האָבן געוואָלט אַ טראַנסקריפּציע, אַז זיי זאָלן קענען כאַפּן אַלע ווערטער, ספּעציעל ווען מע רעדט גיך... איז, איך דאַרף אײַער הילף. די וואָך האָט יונה הערש בויארין טראנסקריבירט דעם גאנצן עפּיזאָד, און ס׳איז געווען א גרויסע ארבעט, אָבער איך מיין אז ער האָט גוט פארבראכט. איז איך זוך אנדערע מענטשן צו העלפן מיטן טראַנסקריבירן עפּיזאָדן פֿון ווײַבערטײַש. ס׳איז דאָך אַ גרויסע מיצווה צו העלפֿן אַנדערע זיך צו לערנען בעסער ייִדיש. פֿאַר די וואָס זענען שוין פֿליסיק, וועט עס נישט נעמען צו פֿיל צײַט צו העלפֿן, און פֿאַר ייִדיש תלמידים אין מיטלע ניוואָען, איז דאָס אַ געלעגנהייט סײַ צו פּראַקטיצירן ייִדיש, סײַ צו העלפֿן אַנדערע– אויב מ׳איז פֿאַראינטערסירט, קען מען געפֿינען אַ „גוגל־פֿאָרם“ אויף אונדזער וועבזײַטל דורך אונדזער בלאָג און אויף פֿייסבוק. זײַ אַזוי גוט און פֿאַרשרײַב זיך ווי אַ פֿרײַוויליקער צו טאָן אַ טובה און אַ מצווה.

אָקיי, אָקיי, גענוג מיטן אַרײַנפֿיר! לאָמיר שוין הערן מײַן אינטערוויו מיט ציליע, אָבער פֿאַר דעם, וועלן מיר הערן אַ שטיקל פֿון אַ ליד פֿון „אָוו מאָנטרייאַל,“–ס׳הייסט „It's Different for Girls.“ [מוזיק שפּילט זיך.]

צ: איך בין אויפֿגעוואַקסן אין ניו־דזשערזי, אין זייער אַ געוויינטלעכע, אַמעריקאַנער, קאָנסערוואַטיווער קהילה, אָם, אויב מע קען עס רופֿן אַ קהילה, אײַ מין, ס׳נישט אַזוי ווי אַ קהילה ווי איך קען עס הײַנט, אַאַאַ, איך האָב געוווינט צווישן ייִדן און גוים, אין אַ שיינע געגנט אין ניו־דזשערזי, מײַנע עלטערן זענען געגאַנגען אין אַ קאָנסערוועטיווער סינאָגאָגע, און מע האָט מיך געשיקט אין „סאָלאָמען־שעכטער.“

ס: די גאַנצע צײַט, ביז — ביזן סוף—?

צ: ניין, נאָר ביזן פֿינפֿטן קלאַס גראַדע. און איך בין אויך געגאַנגען אַ פּאָר מאָל אין „קעמפּ־רמה,“– איך מיין אַז עס איז געווען טיפּיש, אָבער זיי– נאָך דעם האָט מען מיך געשיקט אין אַ וועלטלעכער פּריוואַטער

שולע, ווײַל זיי האָבן געפֿילט אַז די מדרגה פֿון די קלאַסן בײַ סאָלאָמען־שעכטער איז נישט געווען אַזוי גוט. איך מיין אַז איך בין געוואָרן אַפֿילו– אפֿשר ביז דעמאָלט בין איך געווען זייער — אַ טיפּישער, קאָנסערוואַטיווער אַמעריקאַנער יִידיש קינד, און דעמאָלטס בין איך געוואָרן מער אַזוי ווי אַ רובֿ אַסימאַלירטע– זייער אַסימילירטע– איך בין געווען די איינציקצע קאָנסערוועטיווע מיידל אין מײַן מיטל־שול – איינער פֿון די איינצ– רוב זענען געווען רעפֿאָרמאַטיווע, און איך האָב געפֿילט ווי אַ נאָרמאַלע, אַמעריקאַנער קינד– אָדער צענערלינג, לאָמיר זאָגן, דעמאָלטס בין איך שוין געווען אַ צענערלינג. אָבער איך געדענק אַז מײַן טאַטע פֿלעג זאָגן– „דו קענסט ווערן וואָס דו ווילסט– אַ דאַקטער, אַן אַדוואָקאַט, אַפֿילו פּרעזידענט! כ׳האָב געזאָגט, „דאָך טאַטי, אַ פּרעזידענט קען איך קיין מאָל נישט ווערן, איך בין אַ פֿרוי, אַז עס וועט נישט זײַן.“ [לאַכן] ניין, נישט קיין פֿרוי, איך האָב געזאָגט– ניין, איך בין געוואָרן צעמישט, „איך בין אַ פֿרוי און איך בין אַ ייִד,“ איך האָב געזאָגט, אַז עס וועט זײַן אַ פֿרוי איידער עס וועט זײַן אַ ייִד. ווײַל איך דעמאָלטס געפֿילט אַז עס וועט נישט זײַן, אָבער ס׳איז עד היום נאָך אַלץ נישט געוואָרן, אָבער לאָמיך זען! און איך געדענק אַלס צענערלינג, האָב איך געוואָלט זאָגט אַז עס וועט זײַן אַ שוואַרצע פּרעזידענט און אַ פֿרוי אַ פּרעזידענט איידער עס וועט זײַן אַ ייִד. וואָס זעט אויס איז אויך אמת–

ס: יאָ. [לאַכט.]

צ: „איי מין“, לאָמיר האָפן אַז... „וואָטעווער.“

ס: יאָ, איך האָף אַזוי–

צ: אַ פּרעזידענט וואָס איז אַ פֿרוי...

ס: יע...איז...וואָסרערע טיפּ מיידל ביסטו געווען, אַחוץ דעם פֿאַקט, וואָס דו ביסט געווען אַ נאָרמאַלע–

צ: כאָטש פֿון דעם דרויסן. מײַנע קינדער־יאָרן זײַנען געווען זייער טיפּיש פֿאַר מײַן דעמאָגראַפישע קלאַס, כ׳ווייס נישט, מײַן... אינערלעך האָב איך אַלע מאָל געפֿילט אָפּגעזונדערט און אַ ביסל עלענט, איך בין געווען גאָר סענסיטיוו, אָאָאָאָם, איך האָב ליב געהאַט צו זײַן אַליין, צו שפּאַצירן אינעם רעגן, קוקן אויף ווערעם וואָס ראַנגלען זיך אינעם וואַסער, און טראַכטן וועגן טויט און אַנדערע טיפֿע ענינים, זינט איך בין געווען גאָר יונג, און איך האָב אלע מאָל געפֿילט אַנדערש, איך ווייס...

ס: און וואָסערע מין קולטור האָסטו ליב געהאַט דעמאָלט– „ פּאַפּ־קולטור, מוזיק–“

צ: ווען איך בין געווען אַ צענערלינג?

ס: יאָ, ווי אַ צענערלינג.

צ: איך מיין, בײַם אָנהייב איז געווען נאָרמאַל, איך געדענק מײַן ערשטע טאַשמע איז געווען, אָדער פֿון דעבי – איך מיין אַז מײַן ערשטע ראָק־קאָנצערט איז געווען פֿון דעבי גיבסאָן, און מײַן ערשטע טאַשמע וואָס איך האָב געקויפֿט איז געווען „Do the Locomotion,“ [לאַכט] וואָס איז געווען זייער פּאָפּולאַר–

דעמאָלטס. אין מיטלשול האָב אָנדעקט אַלטערניטיוווע ראָק מוזיק און אַזוי ווי איך האָב ליב געהאַט „טאָרי אײמאָס, פּ.דז. האַרווי, בײיאָרק און לאַרײנאַ מיקענע, עניע...ני־אײדזש“ אויכעט...איך מײן אין קאָלעדזש, בין איך געווען זײער עקספּערימענטאַל, איך האָב געוואָלט אַלעס אויספּראָבירן, איך האָב געהאַט אַ כּלל, אַז איך פֿלעג זאָגן אַז כ׳וואָלט אַלעס אויספּראָבירט כאָטש איין מאָל... איך ווייס נישט צי דאָס איז אין גאַנצן אַמת, אָבער אַזוי האָב איך געזאָגט...איך האָב ליב געהאַט ווי אַ סך יונגע מענטשן צו מאַכן שטאַרקע, צו זאָגן שטאַרקע, אָאָאָם, כּללים, וואָס הײַנטיקע טעג וואָלט איך אין גאַנצן אָפּגעשׂ...דערשראָקן פֿון אַזאַ אַ זאַך, אָבער, דעמאָלטס בין געווען מסתמא די ווייניקסטע פֿרום אין מײַן לעבן, איך האָב גאָרנישט געטראַכט– ווייניק געטראַכט פֿון רעליגיע, רעליגיִע איז געווען זײער נישט „קול,“ ...מײַן מאַמע האָט זיך געזאָרגט וועגן מיר, און זי האָט, איך געדענק, גערופֿן די קאָלאָמביע רב, וואָס איס געווען מאָדערן־אָרטאָדאַקסיש, אַז ער זאָל– איך ווייס נישט– האַלטן אַן אויג אויף מיר– איך ווייס נישט וואָס–נישט אַז ס׳האָט געהאָלפֿן...אָאָאָם און איך האָב– איך בין געגאַנגען אַ פּאָר מאָל אויף קאָנסערוויטיווע „סערוויסעס,“ אין כוח אָבער איך בין נישט געווען פֿאַראינטערעסירט, עס איז נישט געווען, עס איז מיר נישט געווען אינטערעסאַנט–רעליגיע, בכלל.

ס: און ווען איז דאָס געביטן?

צ: אָאָם, איך מײן אין גראַדויִר־שולע, ווײַל איך האָב שטודירט ייִדיש און איך האָב געלעבט אינעם שטעטל אַ גאַנצן טאָג, כאָטש אין קאָפּ...איך האָב געגעסן שבת־סעודות מיט פֿרומע ייִדישיסטן און איך האָב הנאה געהאַט פֿון שבת־סעודות און איך האָב אויך געלייענט די משׂכּילים און ווי אַזוי זיי האָבן...וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן ייִדישקייט האָט מיך מער צוגעצויגן צו ייִדישקייט ווי אַוועקגעטריבן פֿון ייִדישקייט, ווײַל– איך האָב געזען, ווי זיי האָבן געמאַכט גרויסע טעותן און זײערע קינדער זענען שוין נישט געווען ייִדן, און איך האָב, עס האָט זיך, אַנטוויקלט, אָדער אַנטוויקלט אין מיר אַ שטאַרקער געפֿיל אין מיר נאָכאַמאָל צו ייִדישקייט, אָדער עס האָט אויפֿגעוועקט, אָדער אויפֿגעלעבט אַ שטאַרקער געפֿיל צו ייִדישקייט. איך מײן אַז איך בין געווען אַ ביסל אומרײַף אין קאָלעדזש, איך האָב געוואָלט זײַן אַ ביסל נישט־אחריותדיק, נישט טראַכטן וועגן, איך ווייס נישט וואָס, איך האָב געוואָלט שפּילן, און ס׳איז געוואָרן מער, אָאָאָם–עס האָט געהאַט מער שײַכות אין מײַן לעבן, ווען איך בין געוואָרן אַ ביסל עלטער. איך ווייס נישט. און איך פֿיל זיך– איך זאָג שטענדיק, אַז יעדעס מאָל ווען איך רעד וועגן מײַן „נסיעה צו ייִדישקייט“–קלינגט עס אַנדעריש און איך רעד וועגן אַנדערע זאַכן, ס׳איז...קאָמפּליצירט.

ס: יאָ, זיכער...מיט וועלכע מין ייִדן האָסטו זיך באַקענט אין יענע יאָרן ווען דו האָסט אָנגעהויבן צו זײַן פֿאַראינטערעסירט אין ייִדישקייט?

צ: ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז די פֿרומע ייִדן אין קאָלאָמביע, ווען איך בין געווען אַ ביז־גראַדור סטודענט, האָבן מיך בכלל נישט פֿאַראינטערעסירט–איך גדענק, ס׳איז געווען אַ ביסל טראַוומאַטיש, האָב איך געהאַט אַ חברטע וואָס איז געווען אַ בעלת־תּשובה, און זי האָט מיך געשלעפּט צו אַ שבת סעודה, און זי האָט– איך האָב איבערגעהערט– איך האָב אונטערגעהערט אַז צוויי מיידלעך רעדן, זיי האָבן געזאָגט „ ׳לײַק, וואַו,׳ אַזוי פֿיל מענטשן, ׳לײַק׳ שנאָרערס זענען געקומען, זיי גייען קיין מאָל נישט אונדז אײַנלײַדן אויף אַ סעודה!“ איך האָב געפֿילט זײער אומבאַקוועם, איך האָב געפֿילט ווי איך געהער נישט צו זײער

וועלט, זיי זענען אַלע פֿאָרן קיין ארץ־ישראל צוזאַמען און האָבן זיך געקענט אין מיטל־שול און האָבן געהאַט אַלע די זעלבע חברים...און איך האָב אויך געפֿילט, אַז ס׳איז געווען אַ ביסל נישט אַזוי טיף, זייער וועלט, נישט אַזוי אינטערעסאַנט, מער קאָסמעטיש, אאז״וו. איך האָב זיך געטראָפֿן מיט אַ פּאָר פֿרומע ייִדישטן, פֿרומע *ייִדישיסטן*, אין וועלכע איך האָב זיך געדרייט צווישן ייִדישיסטן אין גראַדויִר־שולע און דעמאָלטס האָב איך געפֿילט אַ סך היימישער...אָאָאָם, ס׳איז געווען ערנסטער, ס׳איז געווען– זײַנען געווען מענטשען וואָס האָבן אויסגעקליבן פֿרומקייט און ס׳איז געווען מער ממשותדיק, מער רעאַל, איך ווייס נישט.

: ס: איז, דווקא דורך ייִדישיסטן ביסטו געוואָרן פֿרומער...

צ: גראַדע...גראַדע...“אָקיי“ דאָס איז נישט אין גאַנצן אמת. איך זאָג, אַז עס איז זייער קאָמפּלעצירט, איך האָב געהאַט אַ חבר, וואָס איז געווען אַ...וואָס האָט שטודירט צו זײַן אַ רב, וואָס איז געווען מאָדערן־אָרטאָדאָקסיש, וואָס איז געווען–ער איז געווען אַ גוטער חבר מײַנער, אין אָבהייב־אָנהייב גראַדויִר־שולע, און ער איז נישט געווען קײַן ייִדישיסט און ער האָט אויך געהאַט אַ השפּעה און איך האָב הנאה געהאַט פֿון עסן בײַ אים, און פֿאַרברענגען מיט אים שבת...אָבער יאָ, די פֿרומע ייִדישיסטן האָבן געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה, מיין איך, יאָ...

ס: און ווי אַזוי ווילסטו זיך באַשריבן איצט, לגבי פֿרומקייט?

צ: וואָלט זיך באַשריבן אַלס...האָ, האָ...חסידיתטע, אפשר אַלס, איך מיין, עס וואָלט דערשראָקן מענטשן פֿון מײַן קהילה, אָבער „נעאָ־חסידיסטע,“ „נעאָ“ אין דעם זינען וואָס אַלץ וואָס איך זע זע איך דורך אויגן וואָס...זענען אַ מאָל געווען וועלטלעך, איז, איך קען נישט באַנעמען די וועלט ווי אַן עכטע חסידיתטע, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אַ חסידיתטע...בין איך אַ נעאָ־חסידיתטע.

ס: איך בין נײַגעריק, ווי איז געווען דער פּראָצעס פֿון ווערן אַ בעל־תּשובה, פֿאַר דיר– וואָס איז געשען, וואָס האָסטו געדאַרפֿט טון, וואָס האָסטו געוואָלט טון, און ווי לאַנג האָט עס גענומען ביז דו האָסט געהאַט אַ טאָג־טעגלעכן פֿרומע לעבן?

צ: פֿון איין זייט איז עס געווען זייער שנעל, ווײַל דער גאַנטצער פּראָצעס האָט זיך אנטוויקלט אין מײַן מוח, און איך האָב נישט גערעדט מיט צו סך מענטשן... איז, ווען איך בין געווען גרייט, בין איך שוין געווען אין גאַנצן גרייט, ד“ה, אין איין וואָך האָב איך אָנגעהויבן צו מאכן ברכות, היטן שבת, גיין צניעות אָנגעטון... אאז“וו. ס׳איז געווען אַ ביסל–איך מיין, איך בין געווען אַ ביסל צו אָפּגעזונדערט אַפֿשר, איך ווייס נישט...איך האָב נישט געהאַט קיין רב, כ׳האָב געהאַט אַ פּאָר חברותות, גראַדע, און איך בין געגאַנגען אין אש־התּורה, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין רב, קיין קהילה וואָס איך האָב ממש געהערט צו איר...איך ווייס נישט...אָבער, איך האָב זיך פֿון אָנהייב צוגעצויגן צו חסידים, כ׳האָב פֿאַרברענגט אַ שבת אין סקווער און כ׳האָב געפֿעלט אַזוי היימיש און אַזוי גוט און אַזוי...ס׳איז געווען אַ לעבעדיקע ייִדישקייט וואָס איז געווען אַזוי וואַרעם און גוט און זיס וואָס גאָרנישט וואָס איך האָב אין מײַן לעבן...ס׳איז געווען אוודאי גוט אַז זיי האָבן גערעדט ייִדיש, דעמאָלטס בין איך געווען אַ שטאַרקע ייִדישיסט...איך בין געווען פֿאַרליבט אין ייִדיש [סאָסיִע האַקט איבער] –וואָס?

ס: ביסטו איצט נישט קיין שטאַרקע ייִדישיסטקע? וואָס איז דער חילוק צווישן דײַן צוגאַנג צו ייִדיש הײַנט ווי פֿריִער?

צ: איך מיין אַז...יאָ, איך בין שוין יאָ ווידעראַמאָל שטאַרק– אויכעט, ווען איך בין געוואָרן גאַנץ פֿרום, איז עס געווען נישט –עס פּאַסט נישט צו זאָגן אַז איך בין אַ ייִדישיסט, ס׳איז געווען נישט „קול“– אַ, נישט „קול,“ איך ווייס נישט– אַ ייִדישיסט איז אַ מאָל געווען איינער וואָס איז געווען קעגן רעליגיע און די חסידים, חסידים געדענקען געשיכטע בעסער ווי אַמעריקאַנער ייִדן, און פֿאַר רוב חסידים, וואָלטן זיי פֿאַרשטאַנען אַז אַ ייִדישיסט איז קעגן ייִדישקייט און עס וואָלט געווען זייער מאָדנע, אויב איך וואָלט געזאָגט איך בין אַ ייִדישיסט, און איך בין געווען אַזוי פֿרום, אַז איך האָב געוואָלט זיך דערווײַטערן פֿון זײַן אַ ייִדישיסט... איז, ניין – אַ שטיק צײַט, אַ לאַנגע צײַט וואָלט איך נישט געזאָגט, אַז איך בין אַ ייִדישיסט. איז, הײַנטיקע טעג, ווייס איך אַז רוב פֿון מײַנע חברים זײַנען ייִדישיסטן, איך בין באַקוועמער מיט ייִדישיסטן, איך פֿיל היימישער מיט ייִדישיסטן...און איך וויל פֿאַרשפּרייטן ייִדיש, איך בין אַ ייִדיש לערער, אָבער נישט נאָר אין קלאַס, איך וויל מאַכן סביבות, מאַכן קאַווע־שעהען, מאַכן לחיים־שעהען, מאַכן– איך וויל פֿאַרשפּרייטן ייִדיש...איז, אוודאי בין איך אַ ייִדישיסט, אין הײַנטיקע טעג איז אַ ייִדישיסט נישט דווקא קעגן רעליגיע, סאָו פֿאַר וואָס נישט, יאָ, איך בין אַ שטאַרקע ייִדישיסט.

ס: דו האָסט אַ דאָקטאָראַט אין „יידיש־סטאָדיס” ייִדישע־לימודים, פֿון קאָלאָמביע, איז, איך בין נײַעריק, וואָס טראַכטן מענטשן אין דײַן קהילה וועגן דעם, אָדער האַלטסטו עס ווי אַ סוד, אָדער דו רעדסט נישט אַזוי פֿיל וועגן דעם?

צ: ניין. ניין, איך האָב נישט ליב סודות –„איי מין,“ אַ מאָל מוז מען, אָבער – עס געפֿעלט מיר נישט, איך פּראָביר צו זײַן ווי ערנסט איך קען, איז מעגלעך און איך זאָג אַיעדן איינעם אַז איך האָב אַ פּי.עיטש.די און נאָך דעם, געווינטלעך פֿרעגט מען „אין וואָס?“ און איך זאָג „אין ייִדיש־לימודים,“ אָדער, „ אין ייִדישע לימודים,“ און עס קלינגט נישט אַזוי– עס קלינגט בײַ זיי נישט אזוי טרייף, אײַ מין, עס, — וואַו, אקיי, ס׳איז ייִדיש, דו ביסט פֿאַראינטערעסירט אין ייִדיש, ייִדישקייט, איך מיין אַז עס לייגט זיך אַפֿילו אויפֿן שכל, אַז איך בין אַ בעלת־תּשובה וואָס האָט אַ דאָקטאָראַט אין ייִדיש־לומידים, איך ווייס נישט– איז, ס׳איז מאָדנע, קיינער נישט אין מײַן קהילה האָט נישט –אויב מע האָט אַ פּי.עיטש.די. איז עס זייער זעלטן, און ס׳איז געוויינטלעך אין אפֿשר עפּעס צו טון מיט „ ספּעשל־עד“ אָדער עפּעס– און דאָס איז זייער זעלטן. איך שעם זיך נישט און איך האָב נישט קיין מאָל געפֿילט אַז מענטשן קוקן מיט פֿאַרדראָס אָדער מיט, אַז זיי האַלטן אַז ס׳איז שאלהדיק– איך בין אַ בעלת־תּשובה.

ס: איך וויל בײַטן די טעמע אַ ביסל, און פֿרעגן, צי דו האַלטסט זיך פֿאַר אַ פֿעמיניסטקע?

צ: יאָ, אוודאי, שאלה? – אוודאי וויל איך– הײַ־יאָר איז געווען דאָס ערטשטע יאָר בײַ קאָלאָמביע וואָס איך זאָג, איך בין אַ לערער, ביסטו אַ סטודענט אָדער אַ לערער, נישט קיין „סטודענטקע,“ „עקסקיוז־מי“– ניין, איך בין אַ פֿעמיניסט. ווען איך בין געווען אין מיטל־שול, איז געקומען צו גאַסט אַ רעדנער, וואָס האָט גערעדט וועגן פֿעמיניזם און זי האָט געזאָגט אַז, פֿעמיניזם מיינט, בעיקר, אַז מענער און פֿרויען זאָלן

האָבן די זעלביקע געלעגנהייטן און זאָלן זײַן גלײַך, און בײַ מיר איז דאָס אַן עיקר, אוודאי. און מענטשן וואָס ווילן זײַן אויף־צו־להכעיסניקעס , איך ווייס נישט, וועלן זאָגן „ אַ פֿרוי זאָל זײַן אַ באַונסער“ , וואָס עס זאָל נישט זײַן. מע זאָל זײַן וואָס איז צוגעפּאַסט, וואָס מאַכט אַ מוח צו דעם, וואָס מע האָט די ריכטיקע כּוחות, אָבער יאָ, מענער און פֿרויען זאָלן האָבען די זעלבע געלעגנהייטן און ווי אזוי קען מען האָבן טענות צו דעם?

ס: איז עס שווער אַ מאָל צו זײַן אַ חסידישע פֿרוי וואָס איז אויך אַ פֿעמיניסטקע, אָדער איז דאָס–איך ווייס נישט– אַ סטערעאָטיפּ, אַז ס׳איז דאָ עפּעס אין חסידיזם וואָס איז נאַטירלעך אומפֿעמיניסטיש?

צ: אָאָאָם, אָקיי קודם־כּל, זאָלסטו פֿאַרשטיין אַז אַזוי ווי איך האָב נישט געקענט זיך רעכענען פֿאַר אַ ייִדישיסט, האָב איך אויך נישט געקענט זיך רעכענען פֿאַר אַ פֿעמיניסט סתם ווײַל– יאָ, חסידים האַלטן אַז פֿעמיניזם איז–האָט אַ סך אינערלעכע פּראָבלעמען און ס׳איז אַ גוייִשע זאַך, און מיר–אַן עיקר פֿון פֿרומקייט, ווי פֿרומע מענטשן באַטראַכטן פֿרומקייט, איז אַז מענער און פֿרויען האָבען באַזונדערע ראָלעס, און אַזוי האָט דער אייבערשטער באַשלאָסן, און אַ מאַן דאַרף טון באַזונדערע זאַכן, אַ פֿרוי דאַרף טון — אַזוי ווי אַ מאַן דאַרף דאַווענען און דאַרף לערנען, און אַ פֿרוי– אויב איינער פֿאַרנעמנט זיך מיט דאַווענען און לערנען און פּרנסה, דאַרף איינער קערן פֿאַר די קינדער אין שטוב, און עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל, און אחוץ דעם איז עס פֿון דעם אייבערשטן, און מע זאָל נישט זײַן קליגער– א׳ז, איך האָב דאָס אָנגענומען זייער שטאַרק בײַם אָנהייב, און ס׳איז אַ נאָרמאַלע זאַך, און איך מײַן אין חסידישע הײַזער אַז די פֿרוי גרייט צו נאַכטמאָל און דער מאַן זעצט זיך אַראָפּ און די פֿרוי דערלאַנגט עסן און איך מיין, הײַנטיקע טעג, עס ווענדט זיך אין דער שטוב, עס זענען זיכער דאָ שטיבער ווו די מענער טוען אַ סך און העלפֿען אַרויס אַ סך אויכעט, אָבער אָאָאָם, אין מײַן מאַנס משפּחה איז עס אַלא מאָל געווען אַזוי– די פֿרוי דערלאַנגט עסן , די פֿרוי ראַמט אויף, די פֿרוי, „ אײַ מין,“ און אַפֿילו אויב אַ מאַן קומט אַהיים שפּעטער און עסט שפּעטער, לאָמיר זאָגן, די פֿרוי עסט מיט די קינדער, ווען ער קומט אַהיים, זעצט ער זיך אַראָפּ, און אַ פֿרוי סערווירט אים, און יאָ, בײַם אָנהייב איז עס גווווען–איך האָב עס אָנגענומען ווי אַלס נאָרמאַל און דאָס איז וואָס דער אייבערשטער האָט געוואָלט פֿון מיר...אָאָאָם....ביסליכווײַז, בין איך געוואָרן אומצופֿרידן, אָאָאָם...איך ווייס נישט, איך האַלט נאָר אַז ס׳איז „לײַק,“ אַז, אויב, איך האָב קיין פּראָבלעם נישט אויב מענטשן זײַנען צופֿרידן מיט אַזאַ לעבן, און אַז מע האַלט אַז עס איז אַזוי צוגעפּאַסט, „אָקיי, איך בין די פֿרוי, איך וויל אַז מײַן מאַן זאָל האָבן אַ סך מיצוות און לערנען, און איך וויל העלפֿן ווי אַזוי איך קען, דאָס איז שיין–איך קען נישט–נישט פֿון וואַנען איך בין געקומען איז דאָס מעגלעך, ס׳איז פּשוט נישט מעגלעך. פֿון דער אַנדערער זײַט, איך וויל זאָגן אַז די חדיסישע וועלט איז נישט אַזוי – מע רעכנט זיך נישט פֿאַר פֿעמיניסטן, איך מיין  רוב פֿרויען רעכענען זיך נישט– אין דער גאָר חסידישער וועלט רעכענען זיך נישט פֿאַר פֿעמיניסטן, אָבער ס׳מיינט נישט–מע קען טעאָרעטיש, אויב מע וויל זייער שטאַרק ווערן אַדוואָקאַט, קען מען אַפֿילו זײַן אַ פּאָליטיקער און מען קען–מע קען, איך האָב געקענט שטאַרקע חסידישע פֿרויען וואָס זענען מער־אָדער־ווייניקער פֿעמיניסטן, נאָר זיי וואָלטן זיך נישט אָנגערופֿן „פֿעמיניסטן.“

ס: יאָ, דאָס לייגט זיך אויפֿן שׂכל און ס׳איז טאַקע אַן ענין אויכעט צווישן וועלטלעכע פֿרויען, אַז אַ סך פֿירן זיך ווי פֿעמיניסטן, זײַנען שטאַרקע פֿרויען, אָבער זיי נעמען נישט אָן פֿעמיניזם ווי אַ אידענטיטעט. איז, איך וויל אויך פֿרעגן אַ ביסל וועגן דײַן אַרבעט. דו ביסט נישט נאָר אַ ליב־האָבער פֿון ייִדיש אָדער אַ ייִדישיסט, ביסט אויך אַ לערער פֿון ייִדיש, און ווי גייט עס? וואָס טוט זיך אין קאָפּ ווען דו לערנסט ייִדיש צו

נײַע תּלמידים, ווײַל איצט איז האַרבסט, און מסתּמאַ האָסטו אַ נײַע גרופּע תּלמידים אין דײַן אוניווערסיטעט.

צ: איך בין אַ ביסל פֿרוסטרירט, אַלס לערער, אָאָאָם, איך קען– איך לערן יעצט, ווען איך לערן אין קלאַס לערן איך כּלל־שפּראַך, און איך פֿאַרשטיי–

ס: ווילסטו דערקלערן וואָס הייסט „כּלל־שפּראַך,“ פֿאַר די וואָס קענען נישט?

צ: יאָ, כּלל־שפּראַך איז אַן אויסגעטראַכטע שפּראַך וואָס ייִוואָ האָט געמאַכט– איך מיין, איינער פֿון די צילן איז געווען, כּדי, מע זאָל האָבען אַ סטאַנדאַרד, דעאמאָלטס האָבן אַלע גערעדט אין דיאַלעקטן, און מע זאָל האָבן אַ סטאַנדאַרד, פֿאַר זשורנאַלן און צײַטונגען, און פֿאַר לערנען ייִדיש צו סטודענטן, ליטעראַטור, און אַזוי ווײַטער...אָאָאָם, און ס׳איז ניצלעך, ס׳האָט מעלות, אָבער עס איז געוואָרן אַ ביסל העגעמאָניש, אַ ביסל, עס איז געוואָרן אַזוי ווי דאָס איז עכטע ייִדיש, און מע טאָר ניט רעדן אין דיאַלעקט, און אַז מע פֿאַרבעסערט מענטשן וואָס רעדען אין דיאַלעקט, וואָס איז מאָדנע...כּלל־שפּראַך איז געווען אַן אויסגעטראַכטע שרפּאַך כּדי צו האָבען אַ סטאַנדאַרד, אָבער, וואָס איז נאַטורעל, און וואָס איז עיקרדיק, איז געווען צו רעדן מיט אַ היימישן דיאַלעקט, און איז, איך מיין אַז איך בין נישט אין גאַנצן קעגן לערנען כּלל־שפּראַך אין אַ אוניווערסיטעט, אָבער איך מיין ס׳איז שוין צײַט איבערצוטראַכטן אַזאַ אידעאַל, און אפֿשר איז עס ניצלעכער און שכלדיקער צו לערנען מיט אַ דיאַלקעט– ווען לאָמיר זאָגן, רוב ייִדן אויף דער וועלט, הײַנט, וואָס רעדן ייִדיש זענען חסידים און רעדן חסידיש ייִדיש, איז פֿאַר וואָס זאָל מען נישט לערענן חסידיש ייִדיש אין פּראָגראַמען? אָבער, ס׳איז אויך פּראָבלעמאַטיש ווײַל —

ס: דו מיינסט אין וואָקאַבולאַר, אָדער אין–

צ: דאָס איז וואָס .. איך גיי אַרײַן אין דעם.. ס׳איז קאָמפּליצירט, ווײַל, אָקיי, לאָמיר זאָגן, איך ניץ דאָס זעלבע לערנביכל און איך רעד מיט מײַן אַרויסרעד, מיט מײַן הבֿרה, אָבער ס׳איז קאָמפּליצירטער: חסידיש ייִדיש האָט אַן אייגענע גראַמאַטיק, עס בײַט זיך, ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ לערנביכל פֿון חסידיש ייִדיש– פֿון דער גראַמאַטיק פֿון חסידיש ייִדיש און עס איז נישט אַזוי פּשוט, וואָס פֿאַר אַ גראַמאַטיק לערן איך– איך לערן בייגפֿאַלן און אַדיעקטיוו־ענדונגען? ווען רוב חסידים נוצן זיי נישט הײַנטיקע טעג? עס א׳ז קאָמפּליצירט. איז, איך האָב געזאָגט, איך האָב געכאַפּט, אַז איך רעדט דרײַ דיאַלעקטן, אָדער אפֿשר צוויי דיאַלעקטן אין צוויי רעגיסטערן, ווײַל איך רעד „אָקיי“ אין קלאַס, אָקיי אין מײַנע קלאַסן פֿון אָנהייבערס, רעד איך כּלל־שפּראַך, נאָך דעם אין מײַנע אַוואַנסירטע־קלאַסן, אָדער לאָמיר דאָגן, אויף ייִדיש־פֿאַרם, רעד איך חסידיש־ייִדיש מיט אַ חסידיש־ייִדיש הבֿרה, אַרויסרעד, אָבער, מיט דער גראַמאַטיק פֿון כּלל־שפּראַך, און מיט די–איך ניץ נישט קיין ענגליש, ס׳איז אַן אַנדער רעגיסטער, אַפֿשר, איך פּראָביר צו רעדן גראַמאַטיש ריכטיק, און אין דער היים, רעד איך, איך מיין יעצט רעד איך מער אָדער– איך ווער צעמישט, ווײַל איך וויל רעדן אַזוי היימיש ווי אין דער היים, אָבער איך שעם זיך אַז מענטשן וועלן הערן אַז וואָס, אַ ייִדיש־לערער קען נישט די כּללים פֿון גראַמאַטיק, איז איך ווער אין גאַנצן צעמישט.

ס: ווערן די קינדער צעמישט אַ מאָל?

צ: ניין, זיי לאַכן מיך אויס, ווען איך פּראָביר צו רעדן– לאָמיר זאָגן, איך קום אַהיים און איך זאָג, „ אוי, איך האָב נישט אײַך געזען אַ גאַנצן טאָג,“ און זיי זאָגן „ כאַ־כאַ־כאַ.“

ס: פֿאַר וואָס–?

צ: ס׳איז אַזוי „פֿאָני,“ און זיי זאָגן, זיי זאָגן איך האָב — מ׳האָט ענק נישט געזען, איך וועל צעמישט, אָבער אַ „גאַנצן טאָג“ און נישט אַ „גאַנצע טאָג,“ איך ווייס נישט, זיי הערן גלײַך, אַז ווען איך הייב אָן צו לערנען, אַז מײַן ייִדיש טוישט זיך אַ ביסל אין דער היים, נישט בדווקא, אָבער איך וועל צעמישט, אָדער לאָמיר זאָגן חס־ושלום, איך זאָג, „דאָס איז אַזוי קאָמיש!“ „ ׳קאָמיש,׳ מאַמי–׳פֿאָני׳! וואָס רעדסטו אַזוי מאָדנע?”

ס: אַ דאַנק פֿאַר דעם, ס׳איז געווען זייער שיין.

צ: נישטאָ פֿאַר וואָס, ס׳אז געווען אַ פֿאַרגעניגן.

דאָס איז געווען דער צווייטער עפּיזאָד ווײַבערטײַטש. איך הייס סאָסיע פֿאָקס. אונדזער טעמע־מוזיק איז ליידי טראַנס ”בלו דזשינס”. אַ דאַנק ציליע שטאָק פֿאַרן רעדן מיט מיר און פֿאַרן זײַן אין דעם ערשטן אינטערוויו. אַ דאַנק שיפֿרה ווײַטמאַן פֿאַר אונדזער שיינע בילד. ווי זאָגט מען „לאָגאָ?” איך ווייס נישט ווײַל איך האָב נישט געקענט ברענגען מײַן נײַעם ענגליש־ייִדיש ווערטערבוך מיט מיר קיין ישראל, און ווען איך וואָלט עס געהאַט וואָלט איך געקענט ויסן איז אויב דו האָסט נאָך נישט געקויפֿט דעם נײַעם ווערטערבוך גיי איצט און זוך אים אויפֿן אינטערנעץ, www.leagueforyiddish.com/verterbukh, מע קען דאָס קויפֿן, ס׳איז כּדאַי צו האָבן אין דער היים, אַפֿילו דער ניו־יאָרק־טײַמס איז מסכּים. אַ גרויסן מזל־טובֿ צו גיטל און הערשל. אַ שיינעם דאַנק צו יונה הערש באָיאַרין פֿאַר טראַנסקריבירן דעם עפּיזאָד. איך ווייס אַז דו האָסט אַ סך געאַרבעט אויף דעם, און דו האָסט עס זייער גוט געמאַכט. איך בין אַזוי דאַנקבאַר. שכּוח יאַנקל־פּרץ בלום פֿאַרן רעדיגירן די טראַנסקריפּציע. איך ווייס נישט וואָס מיר וואָלטן אַלע געטאָן אָן דיר. און מע קען געפֿינען די טראַנסקריפּציע אויפֿן וועבזײַטל www.vaybertaytsh.com/transcripts. אַ דאַנק צו אַלע ווײַבערטײַטש־צוהערערס און פֿאַר די צוקונפֿטיקע פֿרײַוויליקערס וואָס אַזוי ווי יונה האָט געטאָן וועלן העלפֿן מאַכן ווײַבערטײַטש צוטריטלעך אָדער דערגרייכלעך פֿאַר ייִדיש־תּלמידים פֿון כּלערליי מדרגות. אַ גוט געבענטש יאָר צו אַלעמען און מע וועט רעדן אין צוויי וואָכן אַרום.